בעז"ה

# מחשבות

מחשבות און געדאנקען אין עבודת השי"ת

פרשת כי תצא | גליון קנו שנה ד

מהכונת
ע"י מכון מחשבת החינוך
המחנך הנפלא
הרב שלמה טייטלבוים שליט"א




## פארוואס איז דאס אזוי שלעכט?

איינע פון די מצוות לא תעשה וואס די תורה לערנט אונז די וואך איז דער איסור פון "לא יבוא עמוני ומואבי בקהל ה'" אז מ'מעג נישט חתונה האבן מיט א גוי וואס איז זיך מגייר אויב ער שטאמט פון די פעלקער עמון אדער מואב, די תורה ערקלערט אויך צוויי טעמים, איין זאך "על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים בדרך בצאתכם ממצרים" ווייל ווען ענק זענען ארויס געגאנגען פון מצרים און געוואלט עסן האבן זיי ענק נישט געוואלט געבן, און דער צווייטער טעם איז "ואשר שכר עליך את בלעם בן בעור לקללך" ווייל זיי האבן גערופן בלעם צו שעלטן כלל ישראל.

וועגן די צוויי זאכן וואס זיי האבן געטוהן ווארנט אונז אן די תורה "לא תדרוש שלומם וטובתם כל ימיך לעולם" זאלסט קיינמאל נישט אויף בויען א נאנטקייט און לעבן בשלום מיט זיי.

זייער אסאך מפרשים וואונדערן זיך אויף די צוויי סיבות וואס די תורה שרייבט, מילא דער טעם פון דעם וואס ער האט געברענגט בלעם איז נאך פארשטענדליך, זיי האבן געוואלט פארניכטן כלל ישראל דורך זיינע קללות, אבער וועלכע צושטעל און פארגלייך האט דאס מיט דעם? ווי קען מען פארגלייכן א נסיון פון אויס הרגענען גאנץ כלל ישראל פון איין זייט מיט דעם וואס זיי האבן אונז נישט ארויס געברענגט עסן און טרינקען ביי יציאת מצרים פון די אנדערע זייט?

אפאר פסוקים שפעטער טרעפן מיר נאך א מצוה אין די תורה "לא תתעב אדומי כי אחיך הוא, לא תתעב מצרי כי גר היית בארצו" זאלסט נישט דערווייטערן די אדומים (וואס זענען זיך מגייר) ווייל זיי זענען אונזערע ברודער און נישט די מצריים (וואס זענען זיך מגייר) ווייל זיי האבן אונז אריין געלאזט אין זייער לאנד ווען ס'איז געווען א רעב אין די וועלט.

וואס איז דא די סברא אין די זאך? די מצריים וואס האבן אונז גע'שחט'ן און אריין געווארפן אין יאור מעג מען מקרב זיין ווייל זיי האבן אונז אמאל געגעבן עסן, אבער די מדיינים מעג מען קיינמאל נישט מקרב זיין ווייל זיי האבן אונז נישט מקבל פנים געווען ווען מ'איז ארויס פון מצרים - פון די מצריים וואס האבן אונז געפייניגט און וואס זיי מעג מען יא מקרב זיין, וואס איז די סברא פון די זאך?

די גמרא זאגט אין תענית (ירושלמי) אז דריי זאכן קענען פארעכטן די גזר דין פון א מענטש, מיר דערמאנען דאס אויך ביי די תפילות פון ראש השנה און יום כיפור "תשובה ותפילה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה", לכאורה דארף מען פארשטיין די נקודה, מילא תשובה איך האב חרטה אויף דעם וואס איך האב געטוהן איך בעהט מיך איבער מיט'ן אייבישטער איך ענטשולדיג מיך, איז א סברא'דיגע זאך אז דער אייבישטער וואס איז א אב הרחמן וועט זיך מרחם זיין און אריבער פירן פון מיר די שלעכטע גזירה, תפילה איז אויך זייער מסתבר א מענטש דאווענט און בעט זיך אויף רחמנות פון אייביטשער, דער אייבישטער האט רחמנות אויף זיינע קינדער און ער פירט אריבער פון אים די שלעכטע גזירה.

אבער צדקה? וואס האט דאס צו טוהן מיט מיינע עבירות און מיט די שלעכטע גזירות? ווען איינער מאכט א עבירה און באצאלט געלט איז זיך דאס מתכפר, מ'געבט דא שוחד צו באקומען א גוטע גזר דין? וואס האט דאס מיט אריבער פירן די שלעכטע גזירות?

*

זייער שווערע צייטן איז אריבער אויף די יידישע יישוב אין ארץ ישראל אין די יאהר תש"ח, די יידישע יישוב איז געווען זייער קליין, אין די מלחמות מיט די אראבער זענען געווען זייער שווער, פון אלע זייטן אין די גאנצע לאנד האבן זיך געפיהרט מלחמות און די סכנה איז געווען זייער גרויס.

די שטעטל נוה צדק וואס איז געווען צווישן די אראבישע שטאט יפו אין די יידישע שטעטל תל אביב איז געווען איינע פון די שווערסטע פלעצער, די אראבער האבן געשאסן פון יפו אריין אין די שטיבער, און מענטשן וואס האבן זיך ביז יעצט געשפירט גאנץ רוהיג אין זייערע הייזער האבן געמוזט אנטלויפן אינמיטן די נאכט מיט אביסל פעקלעך וואס זיי האבן געקענט שלעפן כדי זיך צו ראטעווען זייער לעבן.

אזוי איז אויך געווען מיט פאמיליע כהן א טאטע א מאמע און פיר קינדער, אינמיטן די נאכט האבן זיי זיך אויף געוועקט מיט גרויס שרעק פון די באמבעס וואס האבן אנגעהויבן צו פליהען אויף



## דבר העורך

לעצטע וואך האבן מיר געזעהן ווי אזוי כלל ישראל גרייטן זיך צו מלחמה האלטן אנטקעגן די גויים.

די שוטרים שטיין און רופן אויס פארשידענע זאכן וואס וועגן דעם זאל מען צוריק גיין אהיים און נישט אנטייל נעמען אין די מלחמה, די לעצטע זאך וואס די שוטרים רופן אויס איז "מי האיש הירא ורך הלבב ילך וישוב לביתו" איינער וואס האט מורא אז ער האט עבירות זאל צוריק אהיים גיין, און פון וועלכע עבירות רעדט מען דארט? זאגט די גמרא אז אויב ער האט גערעדט א מאל אינמיטן תפילין לייגן איז דאס שוין א חטא וואס מ'גייט וועגן דעם צוריק אהיים.

דאס הייסט אז די מענטשן וואס זענען ארויס אין מלחמה זענען געווען די גרעסטע ערליכע יודען וואס ס'איז געווען אין כלל ישראל.

אין יעצט הייבט אן די תורה מיט א נייע מעשה: אויב דו וועסט זעהן א אשת יפת תואר קענסטו איהר נעמען און ס'איז דא א גאנצע סדר וואס צו טוהן כדי זי זאל ווערן מותר פאר דיר.

ווי אזוי קען דאס זיין אזא זאך? ווי קומט עס צו אזעלכע גרויסע צדיקים אזא מעשה אז זיי קענען זיך פשוט נישט מתגבר זיין, און די תורה מוז אים ברענגען א עצה "לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע"?

נאך מער איז שווער צו פארשטיין, לכאורה זעהט מען פון דא אז אויב ס'איז זייער שווער פאר א מענטש צו מקיים זיין עפעס א מצוה און דער יצר הרע גייט זיך מתגבר זיין אויף אים איז דא פארשידענע היתרים, ווי אזוי קען דאס זיין? אויב ס'איז מיר זייער שווער צו מקיים זיין אנדערע מצוות קען איך מיר אויך מאכן דעם היתר פון "לא דברה תורה וגו' און זיך מתיר זיין די עבירה כדי איך זאל דאס נישט מוז'ן מאכן באיסור?! וואס גייט דא פאר? די גאנצע תורה אין מצוות איז דאך כנגד יצר הרע איז פונקט ווען דער יצר הרע קומט געבט מען זיך אונטער?

ביי אלע מצוות אין די תורה, ביי אלע לאוין איז דא א איסור צו מאכן די עבירה, ס'איז א איסור צו גנבענען און צו עסן טריפות א.א.וו. אבער מיר טרעפן נישט א איסור צו זעהן ווי אזוי א מענטש גנב'עט און צו קוקן ווי אזוי א מענטש עסט נבילות און טריפות, נאר ביי איין עבירה איז אויך דא א איסור דאורייתא צו זעהן די עבירה.

"ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם" נישט קוקן ווי מ'דארף נישט און היטן די אויגן כדי מ'זאל נישט נכשל ווערן.

פארוואס נאר דא איז די גרויסער איסור פון צו קוקן?

ווייל דער יצר אין דעם איז אזוי גרויס – זאגט דער אוה"ח הק' - אז ס'וועט זיין זייער שווער פאר דעם מענטש זיך מתגבר צו זיין, די איינציגסטע וועג זיך מתגבר צו זיין איז צו היטן די אויגן וממילא וועט די הארץ זיין געהיטן, און דעמאלס וועט מען זיך קענען מתגבר זיין.

ווען ס'איז געווארן אין דור המבול א מצב פון "כי השחית כל בשר את דרכו" האט דער אייבישטער געגעבן פאר נח איין איינציגע עצה זיך צו ראטעווען פון די גרויסע חורבן וואס קומט אויף די וועלט און דאס איז די תיבה, וויל א מענטש מוז מאכן פאר זיך גדרים כדי ער זאל נישט נכשל ווערן חלילה.

די גמרא זאגט: "בראתי יצר הרע בראתי תורה תבלין" – דער אייבישטער האט באשאפן דעם יצר הרע און קעגן דעם האט ער באשאפן א רפואה וואס הייסט תורה, און אויב דער אייבישטער וואס האט באשאפן דעם יצר הרע זאגט אז דאס איז די רפואה איז פשט אז נאר דאס איז די איינציגסטע רפואה און נישט עפעס אנדערש.

די איינציגסטע עצה זיך צו ראטעווען פון די נסיונות איז אריין גיין אין די תיבה – אריין אין בית מדרש און נוצן די תורה תבלין וואס וועט אים געבן די כוחות זיך מתגבר צו זיין.

אין די מינוט וואס דער מענטש גייט ארויס פון די תיבה - פון ביהמ"ד, און ער גייט ארויס אין א מלחמה אפילו ווען דאס איז א מלחמת מצוה, ער האט געמוזט ארויס גיין אבער דו ביסט ארויס פון דיין תורה'דיגע לעבן און אריין צו די גויישע פעלד, אפילו ווען דו ביסט אין אזא הויכע מדרגה וואס דו ביסט נישט "הירא ורך הלבב", קענסטו אויך אראפ פאלן ביז אזא מצב אז מ'דארף זוכן פאר דיר עיצות כנגד יצר הרע.

**א גוטן שבת**

זייער דאך, די פענסטער האבן געציטערט, די גאנצע משפחה האבן זיך צוזאמען געשטיפט אונטער דעם טיש אין קאך וואס איז געווען די זיכערסטע פלאץ אין שטוב.

אבער ווען ס'איז אריין געפלויגן א באבמע אין שטוב און צשמעטערט אלעס וואס ס'איז מעגליך, האבן זיי פארשטאנען אז ס'קען נישט אזוי ווייטער גיין, זיי האבן צוזאם גענומען אביסל קליידער און אביסל שמאטעס און אנטלויפן פון שטוב אינמיטן די נאכט.

די טאטע איז געלאפן ערשט מיט צוויי קליינע קינדערלעך אין די הענט, די מאמע נאך אים מיט די אנדערע צוויי קינדער, אזוי זענען זיי געלאפן ווייט אוועק פון די זייט פון יפו אריבער די פעלדער וואס זענען אויך געווען א מקום סכנה פון די אראבער, און נאך א לאנגע צייט האבן זיי זיך געטראפן אין די נייע יידישע יישוב תל אביב, וואס דארט איז געווען רוהיגער דער מצב.

יעצט האבן זיי געקענט אויף הערן מיט די לויפעריי און זיך אביסל בארוהיגן זיי זענען ארויס פון סכנה, אבער ווי גייט מען יעצט, זיי דרייען זיך אהין און צוריק, זיי קענען דא קיינעם נישט, זיי ווייסן נישט ווי אהין צו גיין, די קינדער הייבן אן צו וויינען, ס'איז אינמיטן די נאכט אלע זענען מיד, די פוס טוהן וויי, וואס טוהט מען?

שפאצירנ'דיג אהין און אהער האט דער טאטע פלוצלינג באמערקט א אפענע טיהר פון א קעלער, ער האט נישט געטראכט צוויי מאל ער איז אריין אין די אפענע טיהר און ער זעהט א ריינע און א גרויסע קעלער פיל מיט טישן און בענק, ער איז אריין ער האט אריין געברענג זיין משפחה.

מיסטער כהן איז נישט געווען קיין שומר תורה ומצוות ער האט נישט צו פיהל געטראכט אויב ער מעג דארט אריין גיין אדער נישט, ער האט נישט געטראכט אז ס'איז דא אזא איסור פון גזל, ער האט זיך גלייך געפיהלט בעל הבית אויף די פלאץ געריקט די טישן אויף איין זייט און פון די בענק האט ער אויסגעשטעלט בעטן פאר זיינע קינדער און פאמיליע כהן איז געגאנגען שלאפן.

ויהי בבוקר, די קינדער שטייען אויף קוקן ארויס פון פענסטער און זעהן אז זיי האבן זייער א שיינע גארטן ארום זייער נייע הויז, זיי טראכטן נישט צוויי מאל און זיי גייען ארויס שפאצירן ארום אין זייערע נייע גארטן און פילן זיך זייער גוט אין זייער געשמאק ווי אין זייער אייגענע הויז.

ערשט יעצט האבן די מענטשן אין הויז באמערקט אז איינער איז דא אריין אן רשות, דאס איז געווען די האסיאטענע חסידים וואס זענען געקומען צום רבי'ן אויף שחרית, די הויז איז געווען דעם רבי'נס הויז און אזוי אויך די גארטן ארום און ארום, און אין קעלער האט מען געפיהרט די סעודות און די טיש'ן.

די חסידים האבן זיך ערשט געוואונדערט ווי קומען דא אן אזעלכע חברה, און ווען זיי האבן פארשטאנען אז די משפחה האט זיך דא אריין געזעצט אינמיטן די נאכט, האט זיך אנגעהויבן א קאכעריי אין בית מדרש, א חוצפה, זיך אריין זעצן דא ביים רבי'נס הויף אינמיטן די נאכט אן רשות, און נאך אזא שייגעצדיגע משפחה, וואס ווער ווייסט וואס זיי וועלן נאך טוהן דא.

גלייך נאכ'ן דאווענען זענען אראפ אפאר יונגעלייט ובראשם דער גבאי ר' גרשון, זענען אראפ אין קעלער צו געגאנגען צום טאטע'ן און אים קלאר געמאכט:

דא איז א פריוואטע הויז, דעם הייליגע רבי'ס הויז און בית מדרש, און דו ווערסט געבעטן נעמען דיינע פעקלעך און ארויס פון דא.

איך האב נישט ווי צו גיין - האט אים מיסטער כהן געענטפערט - איך האב קליינע קינדער, און איך גיי נישט אוועק פון דא.

וואס הייסט? - האט זיך ר' גרשון גע'טענה'ט מיט אים - דו קענסט נישט בלייבן דא, דא איז א בית מדרש און א רבי'ש'ע שטוב, ס'גייט נישט אזוי.

ס'גייט יא ס'גייט נישט - ענטפערט מיסטער כהן - איך גיי נישט, און ס'וועט דיר גארנישט העלפן.

זיי צופרידן אז איך בלייב אין קעלער און איך גיי נישט אריין אין שטוב - האט ער אויסגעפיהרט מיט כעס.

ר' גרשון האט געציטערט צו טשעפען מיט אזא מענטש, ווער ווייסט וואס ער קען נאך טוהן, ער איז ארויף אויבן אין בית מדרש די עולם האט גערעדט צו הערן וואס ס'איז געבליבן, און ווען זיי האבן געהערט די תשובות פון מיסטער כהן האט זיך די גאנצע בית מדרש געקאכט און געבייזערט.

מ'מוז דא עפעס טוהן - האבן זיך די יונגעלייט געזעצן צו א אומגעפלאנטע מיטינג - ס'מעג נישט אזוי בלייבן.

יעדער האט ארויף געווארפן אנדערע געדאנקען ווי אזוי פטור צו ווערן פון די חברה, און די החלטה איז געפאלן אז מ'וועט ארויס גיין אויפ'ן מארק און ברענגען פון דארט א טרעגער, א שטארקער מענטש וואס וועט אנכאפן אלע זייערע זאכן מיט זייערע קינדער און זיי ארויס שלעפן צו א אנדערע גאס און זיי דארט איבער לאזן, ביז זיי וועלן צוריק קומען וועט שוין זיין די קעלער געשלאסן און זיי וועלן נישט קענען אריין קומען.

אבער מ'קען דאך נישט מאכן אזא זאך אן צו דערציילן דעם רבי'ן - זאגט ר' גרשון.

ר' גרשון מיט נאך א יונגערמאן זענען אריין צום רבי'ן און דערציילט אויף די גרויסע חוצפה פון די משפחה וואס האבן זיך באזעצט אין קעלער, און אויף די גרויסע סכנות וואס ס'קען זיין אין דעם ווייל די משפחה היט נישט תורה ומצוות, און אויף די החלטה צו רופן א שלעפער פון די מארק זאל זיי ארויס טראגן פון דא.

האבן זיי שוין געהאט אווארעמע טרינק היינט - פרעגט זיי פלוצלינג דער רבי - זיי זענען דאך אנטלויפן אינמיטן די נאכט פון זייער הויז, די ערשטע זאך מוז מען זיי דאך געבן צו עסן און טרינקן.

זיי זענען געבליבן שטיין שאקירט אן צו ענטפערן.

שפעטער קענט איהר אויך רופן דעם שלעפער - זאגט דער רבי ווייטער - אבער פאר ווען ער גייט זיי ארויס ווארפן זאל ער אריין קומען צו מיר איך וויל אים זעהן.

איינע פון די חסידים איז שנעל געלאפן אין קאך און צוגעגרייט א טרינק פאר די משפחה מיט די קינדער, א צווייטער איז צוגעגאנגען אין מארק און גערופן איינע פון די דזלאבאקעס וואס זענען דארט געווען זאל קומען מאכן די ארבעט.

ווען דער שלעפער איז אנגעקומען האט מען אים געבעטן אז דער רבי וויל אים זעהן פאר ווען ער שלעפט זיי ארויס פון דארט.

דער שלעפער איז אריין צו דער רבי, דער רבי האט גערעדט מיט אים א מינוט צוויי, ער דרייט זיך אויס צום עולם און רופט אויס קומט'ס, מ'גייט צום ארבעט.

ר' גרשון האט אים געוויזן די וועג צום קעלער, די חסידים גייען אים נאך, אים צו העלפן אויב מ'וועט דארפן, לעבן די טרעפן זעהען זיי אז דער רבי איז אויך ארויס פון זיין צימער און קומט זעהן.

מסתמא וויל דער רבי זעהן אז אלעס ווערט געמאכט ריכטיג - רופט זיך אן איין חסיד צום אנדערן.

דער שלעפער גייט אראפ די טרעפן נאך אים ר' גרשון מיט די חסידים.

דער שלעפער שטייט ביים טיר פארשטעלט די גאנצע טיר מיט זיין ריזיגע קערפער, ער זאגט עפעס פאר די דערשראקענע משפחה, קיינער האט נישט אנגעיאגט צו הערן וואס, און די משפחה גיבט זיך א הייב אויף העלפן דעם שלעפער צוזאם צו נעמען זייערע פעקלעך און גייען מיט אים.

די חסידים וואס זענען געווען זיכער אז ס'וועט דא גיין מלחמות, און מ'וועט דארפן זייער הילף האבן זיך זייער געוואונדערט, ווי דער שלעפער טראגט אלע פעקלעך אין די משפחה גייט אים נאך רוהיג, דער רבי מיט אלע חסידים זענען נאך געגאנגען דעם שלעפער.

המשך בעמוד ד'

# שאלות ותשובות

**שאלה: איך בין א יונגער בחור איך האב יעצט געענדיגט חיידער און איך גיי נעקסטע זמן ארויף אין ישיבה, איך וואלט געוואלט וויסן אפאר עצות ווי אזוי איך זאל מצליח זיין אין ישיבה?**

## תשובה חלק ב':

לעצטע וואך האבן מיר קלאר געמאכט אז יעדער איינער וואס וויל אנקומען ערגעץ און מצליח זיין, מוז ער די ערשטע זאך קלאר מאכן ביי זיך אליין וואס איז זיין מטרה וואס ער לאזט זיך ארויס אויפ'ן וועג און צו ווי ער וויל אנקומען, ווייל אויב נישט וועט עס גאר נישט העלפן און ער וועט נישט אנקומען אין ערגעץ.

אזוי אויך ווען איינער גייט אריין אין ישיבה מוז ער וויסן פארוואס איז ער געגאנגען אין ישיבה אין וואס וויל ער משיג זיין דארט, דאס איז די ערשטע תנאי צו האבן הצלחה אין ישיבה.

און נאך זענען מיר צו געקומען צו א מסקנא אז די ריכטיגע מטרה וואס א בחור גייט אין א ישיבה איז זיך אויף צו בויען זיין רוחניות'דיגע לעבן, און די יידישע בליק צום לעבן און אריין ברענגען אין זיך די ריכטגע הבנה צו וויסן און צו פארשטיין זיין תפקיד דא אויף די וועלט, און קונה זיין די ריכטיגע כלים און די ריכטיגע כוחות צו קענען לעבן ווי ס'דארף צו זיין אויף די וועלט.

אונזער לעבן איז אזוי ווי א גרויסער ים, דער ים ציהט זיך זייער ווייט, ווען א מענטש שטייט אויף איין זייט און קוקט אויפ'ן ים זעהט ער נישט די עק, די וואסער אין ים איז אמאל נידעריג אבער אמאל אויך זייער טיף, אמאל איז דאס רוהיג און ס'איז א פארגעניגן אדורך צו שווימען, און אמאל איז דא א שטורעם וואס ס'איז א גרויסע סכנה, אמאל איז דא שטילע וואסער'ן וואס מ'קען עס גרינג אדורך פארן און אמאל קומען הויכע און געפערליכע כוואליעס וואס טראגן מיט זיך גרויסע סכנות, אין דעם ים איז באהאלטן גרויסע אוצרות פון זייער שיינע זאכן אבער אויך גרויסע סכנות וואס מ'דארף אנטלויפן פון זיי.

אונזער לעבן אויף די וועלט איז די זעלבע זאך, אמאל גייט עס גוט און אמאל נישט אזוי, ס'איז דא רוהיגע צייטן אין לעבן און ס'איז דא צייטן וואס מ'שפירט ווי אין א שרעקליכע שטורעם וואס מ'ווייסט נישט ווי אזוי דאס איבער צו לעבן, ס'איז דא מענטשן וואס גייען אדורך די לעבן מיט א רוהיגקייט און מיט א געשמאק און ס'איז דא מענטשן וואס פייניגן זיך אין זייער לעבן, דער ים פארמאגט אלע מצבים און אזוי אויך די לעבן.

ווי אזוי גייט מען אריבער דעם ים?

ס'איז דא אזעלכע וואס האבן שטארקע גרויסע שיפן, שיפן וואס זענען אויף געבויעט פון שטארקע מעטאל, אפאר שטאק הויך ס'שניידט אדורך די וואסער זייער גרינג און זייער שנעל, ס'דערשרעקט זיך פון גארנישט, און קיין שום שטורעם קען דאס נישט צושאקלען, ס'איז דא אזעלכע וואס האבן קלענערע שיפן וואס שאקלען זיך זייער שטארק אבער ס'איז נאך גענוג שטארק אריבער צו פאר'ן דעם ים מיט א זיכערהייט, און ס'איז דא אזעלכע וואס האבן קליינע שיפעלעך וואס מיט דעם קען פארן נאר זייער קארץ און יעדע קליינע ווינט דרייט עס איבער, און ס'איז דא אזעלכע וואס האבן דאס אויך נישט אין זיי קענען נאר אביסל נאס מאכן זייערע פיס ביי די וואסער אבער זיי קענען עס נישט אריבער גיין.

די ישיבה איז די פלאץ וואס יעדער בחור האט די געלעגנהייט זיך אויף צו בויען זיין שיף וואס מיט דעם וועט ער קענען שפעטער אריבער שווימען די גאנצע לעבן, וואס מער ער וועט משקיע זיין כוחות אויף צו בויען זיין כוחות הנפש, וואס מער ער וועט זיך אויס לערנען די ריכטיגע בליק ווי אזוי צו זעהן די וועלט וועט ער זיין גאנצע לעבן שפעטער קענען בעסער אריבער גיין דעם ים.

יעצט ווען מיר ווייסן וואס איז אונזערע מטרה אין ישיבה, און פארוואס גיי איך אין ישיבה, האבן מיר זייער א קלארע עצה ווי אזוי מצליח צו זיין אין ישיבה, פאר יעדע זאך וואס איך וויל טוהן וועל איך מיך אדורך טראכטן, און מיך פרעגן די פשוט'ע שאלה: "דאס דערנענטערט מיר צו מיין מטרה אדער נישט?".

נישט איינמאל קומען פאר געוויסע זאכן אין ישיבה, קיינער האט נישט געזאגט אז מ'מעג דאס נישט טוהן, דער משגיח האט קיינמאל נישט געווארנט, און קיינער וועט נישט כאפן און נישט וויסן, א.א.וו. דאס איז אלעס ריכטיג און גערעכט אויב מיין מטרה איז מ'זאל מיר נישט כאפן און איך זאל בלייבן בסדר אין די אויגן פון דער ראש ישיבה און משגיח, אבער אויב מיין מטרה איז טאקע מצליח צו זיין און מיך אויף בויען וועל איך מיר פרעגן די שאלה "דאס דערנענטערט מיר צו מיין מטרה אדער נישט?" און איך וועל מיך אליין ענטפערן די תשובה דאס וועט מיר העלפן צו פארשטיין וואס איך דארף טוהן.

אבער וויבאלד אז א מענטש נארט זיך אפ, און דער שטן ארבעט זייער שווער אין ישיבה און ער קען זייער גוט איינרעדן יעדן איינעם צו טוהן שטותים און פארדרייען מיט נארישקייטן, וועגן דעם האט מען א משגיח אין ישיבה וואס זיין תפקיד איז צו דערמאנען די וועג פאר די אלע וואס האבן זיך פארבלאנדזעט, פונקט אזוי ווי דער "נעוויגעיטער" ווייזט די וועג און זאגט אונז אז מיר האבן געמאכט א טעות און מ'דארף זיך צוריק דרייען, איז דער משגיח אוועק געשטעלט אונז צו ווייזן ווי אזוי צוריק צו קומען צו די ריכטיגע וועג וואס וועט אונז ברענגען צו אונזערע מטרה.

קומט אויס אויב אזוי אז די וועג צו א ריכטיגע הצלחה אין

ישיבה איז די ערשטע זאך פאלגן די הנהלה פון ישיבה און מאכן וואס זיי פארלאנגען, אפילו אז איך מיין אז איך פארשטיי בעסער און זיי זענען סתם שלעכטע מענטשן וואס ווילן מיר פייניגן.

דאס פאלגן דעם משגיח איז נישט נאר ווייל ער ווייסט די וועג בעסער פון מיר, נאר איינע פון די יסודות אין יידישקייט איז אז דער מענטש זאל זיך אויס לערנען צו האבן הכנעה צו זיינע רבי'ס, אמונת חכמים מיינט נישט נאר צו פאלגן די גדולי הדור, אמונת חכמים מיינט אז יעדער מענטש האט א חיוב צו זיין נכנע צו די מענטשן וואס דער אייבישטער האט אויס געשטעלט בהשגחה פרטית אז זיי וועלן זיין מיינע רבי'ס און מיינע מורי דרך, און מיט דעם וואס איך פאלג זיי לערן איך מיך אויס און איך געוויין מיך צו צו זיין נכנע צו די וואס זענען העכער מיר.

דאס איז וואס חז"ל לערנען אונז אויס "מורא רבך כמורא שמים" פשוט פשט איז אז די זאלסט מורא האבן פון דיין רבי אזוי דו האסט מורא פונעם אייבישטער, אבער דא ליגט נאך א געדאנק אז די וועג צו קונה זיין מורא שמים און אויס צו וואקסן א ריכטיגע ירא שמים און א ערליכער יוד ליגט אין די "מורא רבך" ווייל אויב דו לערנסט דיך נישט אויס צו זיין א מקבל און אנעמען פון דיינע רבי'ס, און אוועק לייגן דיין אייגענע שכל אין די זייט, וועסטו נישט קענען אנקומען צום הכנעה פאר'ן אייבישטער און צו א ריכטיגע יראת שמים.

חז"ל זאגן "איזהו חכם הלומד מכל אדם" ווען א מענטש איז א חכם און ער ווייסט וואס איז זיין מטרה און צו ווי ער וויל אנקומען, און ער ווייסט אז זיי זענען זיינע וועג ווייזערס אים אויס צו לערנען די ריכטיגע וועג, איז אים בכלל נישט שווער צו פאלגן וואס מ'זאגט אים, לעומת דעם, דער וואס האט נאך נישט די חכמה אין זיך, און ער פארשטייט נישט צו וואס ער איז אין ישיבה ער האט א פראבלעם צו פאלגן ווייל ער איז די גאנצע צייט איינגערעדט אז ס'פאסט נישט פאר זיין כבוד צו פאלגן און אנצונעמען וואס מ'זאגט אים.

נאך א וויכטיגע נקודה וועלן מיר זעהן נעקסטע וואך אי"ה ...

## המשך מעמוד ב'

דער שלעפער גייט ארויס פון קעלער די משפחה נאך אים אין דער רבי מיט די חסידים נאך זיי, ער גייט ארויף די טרעפן, גייט אריבער די גרויסע גארטן ביז צום טויער פונעם חצר, אזוי ווי ער קומט אן צום טויער האט ער זיך געגעבן א דריי אויס און שטאטס צו גייען רעכטס ארויס אויפ'ן גאס איז ער געגאנגען לינקס, ארויף די צוויי טרעפן אויף געמאכט די טיהר פון שטוב און אריין אין די רבי'ס שטוב מיט די משפחה.

ער איז אריין אין שטוב אריבער דעם סאלון א דורך געגאנגען די קאך ביז ער איז אנגעקומען צו די גרויסע צימער לעבן די קאך, א שיינע צימער מיט שיינע גרויסע פענסטער'ס צום גארטן, דארט האט דער שלעפער אראפ געלייגט די פעקלעך פון די משפחה.

דער רבי האט געהייסן אז אין דעם צימער זאלט איהר וואוינען, און פון דעם קאך וועט איהר נעמען עסן - האט דער שלעפער אויס גערופן מיט א שמייכל - און ארויס געגאנגען אן צו נעמען געלט פאר זיין ארבעט.

איך בין אויך א יוד איך מעג אויך מאכן א מצוה - האט ער זיך ארויס גערדייט ווען דער רבי האט אים געוואלט באצאלן.

זיי זענען יידישע קינדער - האט דער רבי געזאגט פאר די חסידים - און ווען א יוד דארף הילף העלפט מען אן צו נאך קוקן ווער ער איז און וואס ער איז.

ווען א יוד האט נישט קיין פלאץ דארף מען אים געבן א פלאץ אין אונז, נישט אויפ'ן גאס און נישט אין א קעלער נאר ביי אונז אין הארץ און ביי אונז אין שטוב.

די פאמיליע כהן איז געבליבן וואוינען ביי דעם הייליגן האסיאטענער אין שטוב אפאר חדשים ביז דער מצב האט זיך בארוהיגט, מיט די צייט האבן זיי זיך אנגעטוהן ווי ס'דארף צו זיין און זיך דערנענטערט צום באשעפער בזכות די הכנסת אורחים פונעם רבי'ן.

*

דער תכלית פון יעדער יוד אויף די וועלט איז זיך צו דערנענטערן און זיך צו מדבק זיין צום אייבישטער, ווי אזוי איז זיך א מענטש מדבק צו די שכינה - זאגט די גמרא - הדבק במידותיו של הקב"ה מה הוא רחום אף אתה רחום, אזוי ווי ער האט רחמים און משפיע גוט'ס אויף יענעם אזוי זאלסטו אויך פראבירן צו געבן פאר יענעם, אוועק געבן פון דיר צו א אנדערער אויך ווען יענער איז נישט בסדר און אויך פון יענעם קומט זיך נישט.

די מידה פון נתינה - פון האבן רחמנות און געבן פאר יענעם דאס איז א יידישע מידה, דאס איז איינע פון די סימנים פון כלל ישראל וואס זיי זענען גומלי חסדים זיי געבן אוועק פאר אנדערע, דער שורש פון כלל ישראל איז אברהם אבינו וואס איז געווען מידת החסד וואס האט אריין געברענגט און אריין געווארצלט אין יעדער יוד די גוטע מידה פון משפיע זיין חסדים און אוועק געבן פון דיך פאר יענעם.

איינער וואס איז לקוי אין די מידה איינער וואס קען נישט אוועק געבן פון זיך פאר יענעם איז פוגע אין די יסוד פון כלל ישראל און דערוואטערט זיך פון די תכלית פון צו זיין א יוד.

די מידה פון עמון און מואב איז געווען די שלעכטקייט, נישט געבן פאר יענעם, נישט קענען אוועק געבן פון זיך פאר יענעם אויך ווען מ'זעהט יענעם ווי ער פייניגט זיך און ס'גייט אים שווער און ער דארף האבן הילף, דער שורש פון עמון ומואב איז שלעכט.

פון די אנדערע זייט די מצריים וואס זענען אויך געווען גרויסע רשעים אבער ביי זיי איז געווען די מדת הנתינה גרעסער און בעסער פון עמון ומואב אין זייער שורש איז יא געווען דער מושג פון אוועק צו געבן פאר יענעם, ממילא אויב א גוי פון אדום אדער מצרים וועט זיך מגייר זיין איז נאך דא א האפענונג אז ס'וועט עפעס ארויס קומען גוט'ס פון אים, אבער פין עמון ומואב איז נישט שייך ס'זאל ארויס קומען גוט'ס וממילא "גם דור עשירי לא יבוא להם בקהל ה'".

ווען א יוד געבט צדקה איז ער מגלה דעת אז ער וויל זיין א ערליכער יוד, ער ווייזט אז ער וויל זיך מדבק זיין במדותיו של הקב"ה ער גיבט צדקה ער איז משפיע גוט'ס פאר א צווייטער יוד, ממילא אויב די ביסט דיך מדבק אין דעם אייבישטער דו ווייזט אז דו ווילסט זיין גוט, איז אפילו די ביסט אדורך געפאלן קענסטו צוריק קומען, קומט אויס אז צדקה איז פונקט אזוי ווי תפילה און תשובה, דאס ווייזט אז דער יוד ציהט צוריק פון זיין שלעכטע וועג און וויל ווערן בעסער וממילא "מעבירין את רוע הגזירה".

הגליון יוצא לאור ע"י
מכון מחשבת החינוך
הדרכה • יעוץ • הכוונה
לונדון יצ"ו

07341.479.294
khachinuch@gmail.com
36 Castewood RD.N16 6DW